39 אַן אויג פֿאַר אַן אויג, און אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן; איך
אָבער זאָג אײַך: איר זאָלט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן
דעם בייזן; נאָר ווען עמיצער פּאַטשט דיך אויף
דײַן רעכטער באַק, בייג אים אויך די אַנדערע צו.
40 און דעם, וואָס וויל זיך משפּטן מיט דיר און אַוועקנעמען
41 דײַן העמד, לאָז אים אויך דעם אייבער־בגד. און
ווער עס צווינגט דיך צו גיין אַ מייל, גיי מיט אים
42 צוויי. גיב צו דעם, וואָס בעט בײַ דיר, און פֿון דעם,
וואָס וויל בײַ דיר באָרגן, דריי דיך נישט אַוועק.
43 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן:
דו זאָלסט ליב האָבן דײַן חבר, און האָסן דײַן
44 שונא; איך אָבער זאָג אײַך: האָט ליב אײַערע
שונאים, און זײַט מתפּלל פֿאַר די, וואָס פֿאַרפֿאָלגן
45 אײַך; כּדי איר זאָלט זײַן קינדער פֿון אײַער פֿאָטער,
וואָס איז אין הימל. ווײַל ער לאָזט זײַן זון שײַנען
אויף בייזע און אויף גוטע, און לאָזט רעגענען
46 אויף צדיקים און אויף רשעים. וואָרום אויב איר
וועט ליב האָבן די, וואָס האָבן אײַך ליב, וואָס פֿאַר
אַ שכר האָט איר? צי טון דען די שטייער־אויפֿמאָנער
47 נישט דאָס זעלביקע? און אויב איר גיט אָפּ שלום
נאָר אײַערע ברידער אַליין, וואָס טוט איר דאָ מער?
צי טון דען די גוים נישט אויך דאָס זעלביקע?
48 דעריבער זאָלט איר זײַן פֿאָלקאָם, ווי אײַער הימ־
לישער פֿאָטער איז פֿאָלקאָם!

## קאַפּיטל זעקס

1 גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט נישט טון אײַער צדקה
פֿאַר לײַטן, כּדי פֿון זיי געזען צו ווערן; און
אויב נישט, האָט איר נישט קיין שכר בײַ אײַער
פֿאָטער, וואָס איז אין הימל.